# פרשת עקב י"ז - כ"ג אב תשפ"ב לפ"ק

***יום ראשון פרשת עקב***
לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין להבחור **דוד הערש** נ"י בן הרב **יעקב יוסף וויינגארטען** שליט"א. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הרב **יעקב יוסף וויינגארטען** שליט"א, שהתקיים באולם עטרת יענטא.

*

***יום שני פרשת עקב***
בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** (במטוס פרטי) ללעיקוואד, לסידור קידושין אצל החופה של בן הר"ר **שלמה זלמן עלבויגען** הי"ו (בן הר"ר **אהרן הערש עלבויגען** הי"ו), עב"ג בת הר"ר **ישראל משה פריעד** הי"ו, שהתקיים באולם לעיק טערעס.

*

***יום רביעי פרשת עקב***
אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **אברהם שמואל זינגער** הי"ו, ושל בן הר"ר **חיים יהושע נאה** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***
**והיה** עקב תשמעון את המשפטים האלה, ושמרתם ועשיתם אותם, ושמר ה' אלקיך לך את הברית וגו', ואהבך וברכך והרבך, און אלע ברכות וואס איז אויסגערעכנט שפעטער (דברים ז-יב). די מפרשים שטעלן זיך, אונז ווייס מיר אז שכר מצוה בהאי עלמא ליכא (קידושין לט:), און דא רעכנט די תורה יא אויס די שכר וואס דער אייבערשטער וועט געבן שפעטער, ווען מען וועט צוהערן צו די משפטים.

**עס** איז באקאנט וואס עס שטייט אין **סידורו של שבת** (דרוש ד' פרק ב' מאמר א'), אז אין פסוק (ויקרא יב-ב) שטייט וביום השמיני ימול בשר ערלתו, דעם אכטן טאג זאל מען מל'ן דאס קינד. און אמאל איז דער לשון אין פסוק (בראשית יז-יב) ובן שמונת ימים ימול לכם כל זכר. שמונת ימים איז טייטש, אז די גאנצע אכט טאג ווערט אנגערופן שמונת. זאגט ער, אז א יוד האט א השתוקקות צו דינען דעם אייבערשטען, און ער ווארט שוין אז עס זאל אים געבוירן ווערן א קינד, און ער וויל מל'ן דאס קינד תיכף. נאר ער מוז דאך אויסווארטן ביז דעם אכטן טאג, אבער יעדער טאג וואס גייט אדורך, איז ער משתוקק עס איז שוין נאך א טאג נענטער צום ברית, נאך א טאג נענטער, איז יעדע מחשבה טובה הקב"ה מצרפה למעשה (קידושין מ.), טוט דער אייבערשטער מצרף זיין יעדן טאג, כאילו ער וואלט מקיים געווען מצות מילה אויף זיין קינד, ווייל ער האט דאך די השתוקקות. ווען א קינד איז געל, איז יעדער טאטע משתוקק און ער ווארט, ווען זיין די ברית, צו עס וועט נישט זיין די ברית. וואס קען מען טון אז עס זאל אראפגיין די געלקייט, און איך זאל קענען מאכן דעם ברית. דער השתוקקות וואס א יוד האט צו די מצוה, ווערט אויך גערעכנט אזוי ווי ער האט מקיים געווען די מצוה.

**עס** איז דא אמאל א יוד וואס ער מל'ט דאס קינד דעם אכטן טאג, ווייל ער האט נישט קיין ברירה. ער וואלט געקענט באשטיין אז עס זאל נישט זיין א מצוה פון מילה. ער האט נישט קיין ברירה, מל'ט ער דאס קינד. דער איז מקיים מצות מילה ביום השמיני, ווען עס קומט אן דער אכטער טאג, מל'ט ער דאס קינד. עס איז דא אבער א יוד וואס איז משתוקק די גאנצע צייט צוצוקומען צו טון די מצוה, דער מל'ט דאס קינד בן שמונת ימים, די גאנצע אכט טאג איז ער פארנומען מיט די מצוה. דער השתוקקות וואס ער האט מקיים צו זיין די מצוה, ווערט אים גערעכנט אזוי ווי ער האט גע'מל'ט דאס קינד.

**איך** האב געטראכט, אז מען געפונט ביי שבת, צוויי ערליי לשונות אין די תורה. אמאל שטייט אין פסוק (שמות כ-ט) ששת ימים תעבוד ועשית כל מלאכתך, ויום השביעי 'שבת' לה' אלקיך, איין שבת. און אמאל שטייט אין פסוק (שמות לה-ב), ששת ימים תעשה מלאכה, וביום השביעי יהיה לכם קודש, שבת שבתון לה'. דאס איז טייטש, אז עס איז דא אמאל א שבת, און אמאל איז דא א שבת שבתון. ביי אזא מענטש וואס ער בענקט זיך נישט נאך א שבת, ער גייט

פארלירן זיינע געשעפטן שבת, עס וועט זיין צוגעמאכט, ער קען נישט פארדינען וואס ער וויל, נאר ער איז דאך א יוד, ווען עס קומט שבת, האלט ער שבת. דער איז מקיים ששת ימים תעבוד, א גאנצע וואך ארבעט ער, וביום השביעי שבת לה' אלקיך, דעם זיבעטן טאג האלט ער שבת. עס איז דא אבער א יוד וואס איז מקיים זכור את יום השבת לקדשו, מחד בשבתא לשבתא (ביצה טז.), ער ווארט שוין אויפן שבת, ווען קומט שוין אן דער שבת. ער ווארט דעם זונטאג אז עס זאל שוין זיין שבת, מאנטאג ווארט ער אז עס זאל שוין קומען דער שבת, ביי אים איז יעדן טאג שבת. אזוי ווי מען זאגט ביי מילה, אז וויבאלד ער איז משתוקק מקיים צו זיין די מצוה, ווערט עס גערעכנט ביי אים יעדן טאג ווי ער איז מקיים די מצוה. אזוי איז ער אויך מקיים יעדן טאג די מצוה פון שבת, זכור את יום השבת לקדשו. נאר בפועל קען ער עס נישט מקיים זיין, ער מוזווארטן ביז עס קומט אן דער שבת. ביי אים איז דער שבת נישט, אז נאך א זעקס טאג'דיגער וואך פון חול, קומט ביי אים שבת. נאר ביי אים איז דער שבת, א שבת שבתון. ער האט געהאט א גאנצע וואך א שבת, און דער שבת איז א שבת פון שבתון. עס איז דא אמאל וואס א יוד איז נאר מקיים ששת ימים תעבוד, די וואכעדיגע טעג זענען וואכעדיגע טעג, און נאכדעם קומט דער שבת. ביי א ערליכען יוד איז דער שבת, א שבת שבתון, ווייל ער איז משתוקק די גאנצע צייט אז עס זאל שוין קומען דער שבת.

**מעולם** לא זזה שכינה מישראל אפילו בשבת של חול (זוה"ק ח"ג קעט:). ביי אזא יוד וואס דער שבת איז נישט קיין שבת של חול, עס איז א שבת שבתון, איז אוודאי אז עס איז לא זזה שכינה. נאר אפילו ביי א פשוטן יוד, וואס די גאנצע וואך איז א וואכעדיגע וואך, אבער ווען עס קומט שבת, האלט ער שבת, איז אויך לא זזה שכינה מישראל, אפילו בשבת של חול.

**זאגט** די תורה הק', והיה עקב תשמעון את המשפטים האלה, ווען דו וועסט אפהיטן די מצות, ושמרתם, מלשון ואביו שמר את הדבר (בראשית לז-יא), עס איז נישט נאר ועשיתם אותם, אז מען טוט עס. נאר א מענטש שטייט, און ער איז משתוקק, ער ווארט מתי תבוא לידי ואקיימנה. איז אפילו שכר מצוה איז נישט דא אויף דער וועלט, דאס איז נאר אויף די קיום המצוה, אבער אויף די השתוקקות פון די מצוה, אויף דעם גיט דער אייבערשטער שכר. אויב עס וועט זיין ושמרתם ועשיתם אותם, מלשון ואביו שמר את הדבר, מען וועט ווארטען אז מען זאל קענען מקיים זיין די מצות, דעמאלטס ואהבך וברכך והרבך, וברך פרי בטנך.

*

*__יום חמישי פרשת עקב__*

בתפלת שחרית לא אמרו תחנון, לרגל היארצייט של כ"ק **מהר"א מבעלזא זי"ע**. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, ונשא מדברותיו.

*__וזה תוכן השיחה:__*

**איך** האב היינט צופרי פארן דאווענען אריינגעקוקט אינעם **שיח זקנים**, ער ברענגט צו פארשידענע זאכן פונעם בעלזער רב. ברענגט ער צו, אז **רבי יוחנן פון ראחמיסטריווקא**, איז אמאל געווען ביים בעלזער רב מיט זיין גבאי, **רבי בנציון קיבער**. און אין בעלזא איז די זמירות שבת, אנדערש פון די גאנצע וועלט, מיט צוויי זאכן. איינס, אז פרייטאג צו נאכטס, זאגט מען נישט די תפלה פון וברוכים הם מלאכיך הקדושים, וואס מען זאגט נאך שלום עליכם. נאר פאר מנחה זאגט מען פון וברוכים הם, ביז אשת חיל. ווייל אזוי ווי עס איז תחינות, און אין שבת זאגט מען נישט קיין תחינות, האט מען נאר געזאגט ביז וברוכים הם, און פון דארט האט מען געזאגט פאר שבת.

**און** שבת בייטאג האט מען נישט געזינגען ברוך ה' יום יום, און בבואו מאדום אויך נישט. און ביי שלש סעודות האט מען אנגעהויבן יצוה צור חסדו. אויסער ווען תשעה באב איז געפאלען אין שבת, צו ערב תשעה באב איז געפאלען אין שבת, דאס איז געווען די איינציגסטע מאל אין יאר, וואס מען האט געזינגען ברוך ה' יום יום שבת ביים טיש. ווייל אזוי ווי דער גאנצער זמר רעדט נישט פון שבת, עס רעדט פון די גליות, האט מען נישט געוואלט שבת רעדן פון די ארבע גליות וואס מען איז אדורכגעגאנגען. יצוה צור חסדו הייבט זיך שוין אן די חלק פון די גאולה. אבער ווען עס איז געפאלען תשעה באב, האט מען יא געזינגען דעם זמר.

**האט** דער רבי בנציון פארציילט, אז רבי יוחנן, צו זיין פאטער, איז אמאל געווען אין בעלזא דעם שבת

פון תשעה באב, האט אים דער בעלזער רב געזאגט, נו, יעצט וועט איר זאגן אזוי ווי מען זאגט ביי אונז. ווי איינער זאגט, אז ביי אונז זאגט מען אויך יעצט ברוך ה' יום יום. אזוי האט דער רבי בנציון פארציילט פארן בעלזער רב.

**האט** זיך דער בעלזער רב אויף דעם אנגערופן. ברוך ה' יום יום, עס זענען דא אזעלכע וואס זאגן אז נאר אמאל זענען געווען רבי'ס און צדיקים, אבער היינט איז נישט דא. אבער עס איז נישט ריכטיג. אין יעדן דור האט דער אייבערשטער אראפגעשטעלט א צדיק וואס ער איז דער מנהיג פונעם דור. און ברוך ה' יום יום, מען דאנקט דעם אייבערשטען, 'ברוך ה', אז 'יום יום', יעדן טאג זענען דא צדיקים.

*

**איך** האב געהערט פון מיינס א קרוב, א אייניקל פון **רבי דוד שפערבער**, דער **בראשוב'ער רב**. דער **רבי דוד שפערבער** איז געווען אינדערהיים א קאסוב'ער חסיד. זיין רבי איז אוועק ביי די קריג, צו פאר די קריג, און אין ארץ ישראל, האט ער זיך מדבק געווען אינעם **בעלזער רב**. האט מיר פארציילט מיין קרוב, אז ווען מען איז אהיימגעקומען פון די לויה פונעם בעלזער רב, איז ער מיטגעגאנגען מיטן בראשוב'ער רב. ווען דער בראשוב'ער רב איז אריינגעקומען אין שטוב, האט ער געזאגט, מען דארף זיך זוכן יעצט א נייעם רבי'ן. א יוד טאר נישט בלייבן א טאג אן א רבי'. - אין טאג פון די לויה, האט ער געזאגט, אז מען דארף זוכן א נייעם רבי, ווייל א יוד טאר נישט בלייבן א טאג אן א רבי.

*

**איך** האב געהערט פונעם **וויזשניצער רבי** (בעל **תורת מרדכי**) **זכרונו לברכה**. אז דער בעלזער רב איז געווען אין פעסט בעפאר ער איז ארויפגעגאנגען קיין ארץ ישראל. דאס איז טייטש, אין פולין איז שוין געווען די קריג, און מען האט שוין גע'הרג'ט ל"ע יודען, און אין אונגארן איז נאך געווען רואיג דעמאלטס, מען האט אריבער געשמוגעלט דעם בעלזער רב פון פולין אויף אונגארן, און ער האט זיך אויפגעהאלטן אין אונגארן אפאר חדשים, ביז מען האט ערלעדיגט זיינע שריפטן אז ער זאל קענען ארויפגיין אויף ארץ ישראל. אזוי ווי ער איז געווען א אויסלענדער, האט ער נישט געקענט בלייבן דארט. אבער א פאר וואכן איז ער געווען אין פעסט. - און ווי דער סדר איז, זענען אלע גדולי ישראל געקומען מקבל פנים זיין.

**האט** דער וויזשניצער רבי פארציילט, אז ער איז דעמאלטס געווען אויף א שבת ביים בעלזער רב אין פעסט, און מיין זיידע דער **סערדאהעלער רב** איז אויך געווען דעמאלטס אויף שבת, דעמאלטס האט ער זיך באקענט מיט אים דאס ערשטע מאל. און מען האט מכבד געווען מיין זיידע צו דאווענען מנחה ערב שבת. און ער האט געדאווענט מנחה, און דער בעלזער רב האט געדאווענט שנעל. ער האט געדאווענט אזוי שנעל, אז מען קען אפילו נישט איבערזאגן מיטן מויל, ווי שנעל ער האט געדאווענט. און דער זיידע האט נאך געהאלטן אינמיטן די שטילע שמונה עשרה, און דער בעלזער רב האט שוין אויסגעטרעטן. האט דער וויזניצער רבי' געזאגט, איך זאג נאר וואס מען האט געזאגט, איך קען נישט זאגן צו עס איז טאקע אזוי געווען צו נישט. מען האט געזאגט, אז דער זיידע האט אויסגעטרעטן אינמיטן די שמונה עשרה, און ער האט אנגעהויבן די הויכע שמונה עשרה. ער האט נישט געוואלט באשטעטיגען אז עס איז אמת, נאר אז אזוי האט מען דעמאלטס געשמועסט.

**צו** דער זיידע האט געזאגט, צו די וועלט זאגט, אז די גמרא (ברכות לג.) זאגט, אז ווען א נחש איז כרוך על עקבו, טאר מען נישט מפסיק זיין אינמיטן די שמונה עשרה. אבער טאמער עס איז דא א עקרב, איז עס א סכנה, מעג מען. און אזוי ווי ביי צדיקים שטייט דאך (אבות ב-י) ועקיצתן עקיצת עקרב, קומט אויס, אז א הקפדה פון א צדיק איז אזוי ווי א עקרב, קען מען אויסטרעטן אינמיטן די שמונה עשרה.

**איך** האב אים געפרעגט, וואס דארף מען טאקע טון? האט ער נישט געוואלט ענטפערן.

**והעיר רבינו**: ביי חסידים איז דאך עס פיקוח נפש, איז דאך נישט דא וואס צו רעדן, פיקוח נפש איז זיכער אז עס איז דוחה אלעס... אבער אויף די עצם שאלה, אויב די וועלט האלט עס פאר א בזיון, אז מען האט געלאזט דעם רבי'ן ווארטען, אז מען רופט עס אן בגדר פון ביזוי תלמיד חכם, איז גדול כבוד

הבריות, צו כבוד התורה, אז עס זאל דוחה זיין א דרבנן, פון מפסיק זיין אינמיטן די שמונה עשרה.

*

**דער בעלזער רב** האט געדאווענט זייער שנעל, עס איז נישט מעגליך א מענטש זאל ארויסזאגן ווערטער, אזוי שנעל ווי ער האט געדאווענט. איך האב געהערט פון **מיין טאטע זכרונו לברכה**, ער איז געווען אסאך מאל אין בעלזא, האט ער פארציילט אז ער איז איינמאל געווען אויף די הייליגע טעג, שלש עשרה מדות, א טאג פאר יום כיפור. און דער בעלזער רב האט נאך מקפיד געווען דעמאלטס צו דאווענען פאר חצות. - שפעטער האט ער שוין געדאווענט שפעטער, אבער דעמאלטס האט ער נאך מקפיד געווען צו דאווענען פאר חצות. - עס איז געווען שלש עשרה מדות, און דער בעלזער רב איז אריינגעקומען צען מינוט צו צוועלף, צען מינוט פאר חצות. און ער האט געקוקט אויפן זייגער, און ער איז זיך געגאנגען וואשן די הענט. וואשן די הענט איז געווען א גאנצע עבודה, עס האט גענומען פינף מינוט צו וואשן די הענט, און מען האט זיך געשטעלט דאווענען, אויף חצות האט מען געהאלטן נאך די שמונה עשרה. מיין טאטע זכרונו לברכה האט מיר געזאגט, איך בין געשטאנען נעבן דעם בעלזער רב, איך האב אים געהערט דאווענען, אזוי ווי איך זאג דיר עס, אזוי האט ער געזאגט, הללוי-ה, הללוי-ה, כל הנשמה תהלל י-ה הללוי-ה, אמר אויב ארדוף, ישתבח. אזוי ווי איך זאג דיר עס, אזוי האב איך אים געהערט זאגן.

**מען** האט אמאל געפרעגט דעם זון, דעם **רבי משה'לע**, ווי אזוי קען דער טאטע דאווענען אזוי שנעל. מען דארף דאך דאווענען שטייט, כמונה מעות. האט ער געזאגט, ווען מען קומט צו א יוד בעטן צו וועקסלען א הונדערטער, נעמט ער ארויס געלט, און ער הייבט אן צו ציילען, איינס, צווי, דריי, פיר, פינף, און עס נעמט אפאר מינוט ביז ער ציילט אפ די הונדערט גילדן, און ער טוישט אים דעם הונדערטער. ווען מען גייט אריין אין די באנק מיט א הונדערטער, און ער בעהט אז מען זאל עס אים טוישן, נעמט ער תיכף א פעקל פון הונדערט, עס איז שוין איינגעפאקט, דא האסטו. עס נעמט א סעקונדע. פארוואס? ווייל אזוי ווי ער איז צוגעוואוינט שטענדיג צו וועקסלען געלט, האט ער שוין פאר דעם צוגעגרייט זיינע בינטלעך מיט געלט, אז ווען מען קומט וועקסלען א הונדערטער, האט ער געהאט הונדערט איינס'ער'ס צוגעגרייט. דער בעלזער רב דאווענט א גאנצן טאג, זיינע תפלות זענען שוין געפאקט, און ווען ער שטעלט זיך דאווענען, דארף ער נישט ציילען יעדע ווארט עקסטער, אזוי ווי ווען א מענטש שטעלט זיך דאווענען, נאר ער נעמט גאנצע פעקלעך וואס ער האט געדאווענט פון פריער, און ער שיקט עס ארויף אויבן.

*

**עס** איז היינט די יארצייט פון **רבי סנדר'ל קאמארנער זי"ע**, דער פאטער פון **רבי אייזיק'ל קאמארנער**, דער **היכל הברכה**. דער רבי סנדר'ל ליגט אין אונגארן, אין איהעל, נעבן דער **ישמח משה**. דער זון רבי אייזיק'ל שרייבט אויפן פאטער, אז זיין פאטער האט נישט געהאט קיין קינדער ביז די פערציג יאר, און ער איז געווען ביים רבי פון לובלין, און ער האט אים געבעטן, אז ער זאל אים אנוואונטשען אז ער זאל האבן קינדער. האט ער געזאגט, איך קען דיר געבן א קינד, וואס וועט באשאנען די וועלט, אבער דו וועסט נישט קענען לעבן מיט אים צוזאמען, יונגערהייט וועסטו מוזן אוועקגיין פון די וועלט. צו ער איז מסכים דערויף. האט ער געזאגט, יא, ער איז מסכים. רבי אייזיק'ל איז געבוירן געווארן, און רבי סנדר'ל איז אוועק ווען רבי אייזיק'ל איז אלט געווען צען יאר. ער האט זיך געזעגנט מיטן קינד, און ער איז אוועקגעגאנגען קיין אונגארן, און ער איז נסתלק געווארן אין איהעל, און מען האט אים דארט געלייגט.

**עס** איז מיר א פלא, ער שרייבט, אז דער פאטער האט אים מיטגענומען צום **רבי פון לובלין**, ווען ער איז געווען א יונגעל פון זעקס יאר. איך האב נישט געהערט בימיהם אז מען זאל מיטנעמען א קליין קינד. אמאל איז נישט געווען אזוי גרינג צו פארן פון איין פלאץ צום צווייטען, נעמען א קינד פון זעקס יאר. ער האט געקענט דעם רבי פון לובלין, פון די זעקס יאר אן.

**רבי** אייזיק'ל שרייבט אויף זיך, אז ער האט אלץ קינד געזעהן עתידות, ער האט געזאגט רוח הקודש. ווען מען האט אים געפרעגט, האט ער געזאגט, עס וועט זיין אזוי, און עס וועט זיין אזוי. אמאל איז זיין פעטער **רבי הערש'לע זידיטשובער** אנגעקומען צו

זיי אין שטוב, און דער פאטער האט פארציילט, אז דאס יונגעלע זאגט עתידות. האט ער אים אנגעהויבן אויסצופרעגן, און ער האט געזען אז עס איז ריכטיג וואס ער זאגט. האט ער אים אריינגערופן אין שטוב, און ער זאגט אים, הער מיך אויס, איך וויל פון דיר צונעמען די מדריגה, איך וועל דיר עס צוריקגעבן ביי די דרייסיג יאר. אין די יוגענט דארף מען ארבעטן אויף תורה און עבודת ה', און נישט קיין רוח הקודש. איך גיי עס צונעמען פון דיר, און ביי די דרייסיג יאר וועל איך דיר עס צוריקגעבן.

*

**ער** שרייבט אויף זיך, אז ער האט געלערנט תורה מתוך הדחק. ער האט געהאט א חבר, וואס מיט אים האט ער געלערנט. ער האט געוואוינט דעמאלטס אין פינטשוב, און ווען מען האט געלערנט די גמרא, האט ער געזאגט פארן חבר, אביי האט אזוי אויסגעקוקט, און רבא האט אזוי אויסגעקוקט, און רב נחמן האט אזוי אויסגעקוקט. ער האט אראפ געלייגט יעדן איינען ווי אזוי ער האט אויסגעקוקט. צו ער איז געווען א נידריגער, צו א הויעכער, א רויט'ער, א ווייס'ער, א שווארצער. האט אים דער חבר געזאגט, דו קענסט מיך איינרעדן וואס דו ווילסט, ווייל איך ווייס ממילא נישט. האט ער אים געזאגט, אזוי, איך בין דא א נייע מענטש אין פינטשוב, געב מיר א רשימה פון מענטשען, און איך וועל דיר זאגן אויף יעדן איינעם, וואס ער איז, און ווי אזוי ער זעהט אויס. שרייבט ער, אז דער חבר האט אים אראפגעשריבן דריי הונדערט נעמען, און ער האט אויף יעדן געענטפערט ווי אזוי ער איז. צו ער איז א ארימאן, צו ער איז א עושר, צו ער איז א ערליכער, צו ער איז א תלמיד חכם, צו ער איז א רשע. אויף יעדן איינעם האט ער געענטפערט. און רבי אייזיק'ל שרייבט אויף זיך, אז דער חבר האט אים געוואלט פראבירן, האט ער געשריבן נעמען וואס איז לא היה ולא נברא, און איך האב אים געזאגט, אז אזא מענטש עקזיסטירט נישט! וואס פאר א מדריגות זיי האבן געהאט. – אז מען לערנט תורה בקדושה ובטהרה, קען מען צוקומען דערצו.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל**

*

אחר מעריב התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **יודא וויטריאל** הי"ו.

***שבת קודש פרשת עקב***

כשעה וחצי אחר הבדלה ערך **רבינו שליט"א** סעודת מלוה מלכה בבית המדרש. **רבינו שליט"א** סיפר סיפורי צדיקים מאת **הרה"ק בעל חידושי הרי"ם זי"ע** (מתוך הספר מאיר עיני הגולה ח"ב), ומאת **הרה"ק מסאטמאר זי"ע** (מתוך הספר שיח זקנים חלק ששי). בברכת המזון נתכבד **הרב ישראל אהרן כ"ץ שליט"א** (בן כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א).

***וזה תוכן הסיפורים** (מה שרבינו שליט"א הוסיף עליהם):*

**די** וואך איז די יארצייט פונעם **סאטמאר'ער רב זי"ע**. דער רבי פון כלל ישראל! אונז אלע האב מיר צו פארדאנקען פאר אים אונזער יודישקייט. נאך די קריג איז ניו יארק געווען א מדבר שממה, און ער האט אויפגעשטעלט דאס יודישקייט אין ניו יארק. עס זענען געווען מערערע צדיקים, יעדער האט געטון אין זיין קרייז, אבער אויפצוטון אויף די וועלט, מען זאל האבן השפעה אויף דער גאס, איז ער געווען כמעט פון די איינציגסטע וואס האבן געהאט אזא געוואלדיגע השפעה. עס איז נישט געווען נאך איינער וואס האט אזויפיל גע'דרש'נט און געזאגט מוסר, און געפאדערט פונעם ציבור. און וואס ער האט געזאגט, האט געהאט א געוואלדיגע השפעה. ער איז נישט געגאנגען שרייען אין די גאסן, ער האט נאר גערעדט ביי זיך ביי שלש סעודות, און עס האט געהאט אן השפעה.

**דאס** וואס אונז קוק מיר אויס אזוי, דאס וואס יודישקייט איז אזוי שיין אין ניו יארק, דאס איז צו פארדאנקען פאר זיין כח. מען קען אים באטראכטן ווי ער איז דער רבי פון אונז אלע! ער האט געפאדערט אז מען זאל נישט נאכלאזן פון קיין שום זאך וואס איז געווען אינדערהיים. ער האט צוריקגעשטעלט יודישקייט אזוי ווי עס האט אויסגעקוקט אמאל אין יוראפ, אזוי זאל עס זיין ווייטער אויך.

**ער** ברענגט דא צו אין **שיח זקנים** (דף סט), וואס מען קען עס זאגן אויף אים אויך. ער ברענגט צו, אז **רבי יונתן שטייף זצ"ל** איז אמאל געווען פסח ביים טיש ביים סאטמאר'ער רבי'ן, און מען האט גערעדט וועגן א געוויסן ענין. האט דער סאטמאר'ער רב זיך אנגערופן, מיך האט מען אראפגעשיקט אויף דער וועלט איך זאל זאגן דעם אמת, און איך וועל נישט משנה זיין.

**נאכדעם** האט ער אים געזאגט, דער **פריער'דיגער בעלזער רב, רבי ישכר דוב,** אויב איך וועל זאגן אז ער איז געווען דער גרעסטער רבי פון אלע רבי'ס, וועט זיך טרעפן א חסיד וואס וועט זאגן אז זיין רבי איז געווען גרעסער. אבער דאס איז זיכער, אז ער איז געווען דער גרעסטער חכם פון אלע רבי'ס בדורו! אויף דעם וועט זיך קיינער נישט דינגען. און אויב ער האט געזאגט אויף א געוויסע פארטיי, אז עס איז נישט גוט, קען מען אים גלייבן אז עס איז נישט גוט.

**אז** מען וועט זיך דינגען צו דער סאטמאר'ער רב איז געווען דער גרעסטער רבי, וועט דאך יעדער חסיד זאגן אז זיין רבי איז געווען גרעסער. אבער דאס אז ער איז געווען דער גרעסטער חכם פון אלע, אויף דעם וועט זיך קיינער נישט דינגען! זיין חכמה איז געווען להפליא! יעדע זאך האט ער קולע געווען אל השערה, און איזהו חכם הרואה את הנולד, ער האט געקענט אויסרעכענען אויף שפעטער. ער איז נישט אוועקגעגאנגען פונעם אמת. און וואס ער האט געהאלטן אז עס איז ריכטיג, האט ער געקעמפט אפילו די גאנצע וועלט זאל שטיין אקעגן אים, האט ער זיך נישט געטוישט זיין מיינונג פון א זאך וואס ער האט געהאלטן אז עס דארף אזוי צו זיין.

*

סיפר **הגה"צ מפאיע שליט"א** פעם אחת עמדתי שם כשסיפר אדמו"ר אחד **להרה"ק מסאטמאר זצ"ל**, שהיה איש אחד שהיה מפציר תמיד **בהרה"ק הייטב לב זצ"ל** שיושעו באיזה ענין שהיה נצרך לו, ולא נושע. וכתב מכתב **להרה"ק מצאנז זצ"ל** ונושע. כאשר סיפרו להייטב לב מזה, אמר הייטב לב, דער מחותן איז א כל יכול. הכה הרה"ק מסאטמאר בידו על השלחן ואמר, א זאך וואס מען זאגט אויפן באשעפער, טאר מען נישט זאגן אויף א בשר ודם (היינו שלא האמין שזה היה לשונו).

**וביאר רבינו:** וואס כאטש עס איז אמת, אז א צדיק איז א כל יכול. דער אייבערשטער האט איבערגעגעבן אז צדיק גוזר והקב"ה מקיים (מועד קטן טז:), בי מלכים ימלוכו (משלי ח-טו), דער באשעפער האט אויך א מלך איבער זיך, כביכול, וואס דאס זענען די צדיקים. זענען זיי דאך א כל יכול. אבער עס איז נאך אלץ דא א חילוק פון א כל יכול פון א בשר ודם, ביז א כל יכול פונעם אייבערשטען. אזא טיטול ווי 'כל יכול', קען מען נישט זאגן נאר אויפן באשעפער אליין.

**הרב** הקדוש קען מען יא זאגן? דער אייבערשטער איז דאך הא-ל הקדוש, עס איז אויך א טיטל אויפן אייבערשטען. און דאס האט דאך דער סאטמאר'ער רב אליין אויך געשריבן אויף גרויסע לייט הרב הקדוש? נאר, 'קדוש' הייסט דאך די תורה אז מען זאל זיין קדושים. קדושים תהיו כי קדוש אני ה' אלקיכם (ויקרא יט-ב). דער מדרש (ויק"ר כד-ט) זאגט טאקע יכול כמוני, דו וועסט מיינען א קדוש אזוי ווי איך, תלמוד לומר כי קדוש אני ה', דער אייבערשטער איז א אנדערע קדוש, און דאס איז א אנדערע קדוש. ווען מען זאגט אויפן אייבערשטן הא-ל הקדוש, איז עס נישט די זעלבע ווי מען זאגט הרב הקדוש, מען רעדט פון צוויי ערליי סארט קדושות. - אבער א טיטל כל יכול, האט ער געזאגט, קען מען נישט זאגן נאר אויפן אייבערשטען אליין.

**די** וועלט טייטשט, שירו לה' שיר חדש תהלתו בקהל חסידים (תהלים קמט-א). אז די חסידים האבן גענומען אלע טיטלען וואס מען זאגט אויפן אייבערשטען, און מען האט עס ארויפגעלייגט אויפן רבי'ן. קומט אויס, אז מען דארף יעצט זוכן נייע טיטלן פארן אייבערשטען, ווייל וואס מען האט ביז יעצט געלויבט דעם אייבערשטען, האבן די חסידים שוין איבערגענומען, און עס ארויפגעלייגט אויפן רבי'ן, דארף מען דאך טרעפן פארן אייבערשטען עפעס נייע טיטלן. 'שירו לה' שיר חדש', מען דארף זוכן פארן אייבערשטען נייע שירים, ווייל 'תהלתו', די אלע וואס אונז האב מיר ביז יעצט געלויבט דעם אייבערשטען, איז שוין געווארן היינט 'בקהל חסידים', דאס האבן די חסידים איבערגענומען פאר זייערע רבי'ס, קומט אויס, אז אונז דארף מיר האבן א פרישן שיר פארן אייבערשטען.

*

**מענין** לענין, עס איז אמאל געווען א שמועס ביים סאטמאר'ער רב זי"ע, צו ווען מען וויל זאגן, אז מען זאל פאלגן א גדול, צו מען קען זאגן 'אליו תשמעון'. דער פסוק זאגט דאך, ווען א נביא זאגט עפעס, זאל מען פאלגן וואס דער נביא זאגט, ואליו תשמעון, מען זאל צוהערן צום נביא. צו מען קען נוצן די אויסדרוק פון 'ואליו תשמעון', ווען מען רעדט פון א גדול בישראל, און זאגן אויף אים ואליו תשמעון. די זעלבע לשון וואס די תורה (דברים יח-ט) זאגט אויף א נביא, זאל מען זאגן אויף אים אויך ואליו תשמעון.

**האט** דער סאטמאר'ער רב זי"ע געזאגט, אז עס איז א **רבי עקיבא אייגר**, אז מען קען זאגן ואליו תשמעון. מען איז געשטאנען און געקוקט, א רבי עקיבא אייגר? רבי עקיבא אייגר רעדט פון אזעלכע ענינים, צו מען קען זאגן אויף א גדול ואליו תשמעון? האט ער געזאגט, אז מען זאל אריין קוקן אין הגהות **חידושי רבי עקיבא איגר** אויפן שלחן ערוך, (הלכות קדושה, או"ח סימן קכה). די הלכה איז ביי קדושה, ארגינעל, זאגט מען נישט קדושה אזוי ווי אונז זאג מיר. ביי קדושה איז דא א חלק וואס דער שליח ציבור זאגט, און א חלק וואס מען דארף ענטפערן דערויף. דער שליח ציבור דארף פארזאגן נקדישך ונעריצך כנועם שיח סוד שרפי קודש המשלשים לך קדושה, ככתוב ע"י נביאך, וקרא זה אל זה ואמר, דאס זאגט דער שליח ציבור פאר'ן ציבור. צו מען זאגט נקדישך צו נקדש, אלעס איז די זעלבע נקודה, לאמיר מקדש זיין דעם אייבערשטן'ס נאמען. און אויף דעם ענטפערט דער ציבור, וואס די מלאכים זענען מקדש, קדוש קדוש קדוש ה' צבאו'ת מלא כל הארץ כבודו, און מען בלייבט שטיל. זאגט דער שליח ציבור ווייטער, לעומתם משבחים ואומרים, צו לעומתם ברוך יאמרו. וואס ענטפערן די אנדערע מלאכים? זאגט דער ציבור, אנדערע מלאכים ענטפערן, ברוך כבוד ה' ממקומו, און מען שטעלט זיך אפ. זאגט ווייטער דער שליח ציבור, ובדברי קדשך כתוב לאמר וואס שטייט אין דברי קדשך. ענטפערט דער גאנצער ציבור, ימלוך ה' לעולם אלקיך ציון. דאס וואס אונז זאג מיר היינט, אז יעדער זאגט גאנץ קדושה, דאס איז פונעם **אר"י הק'**. דער אר"י הק' האלט, אז יעדער זאל זאגן די גאנצע. און דער רבי עקיבא איגר אין הלכות קדושה סימן קכ"ה, ברענגט צו דעם אר"י הק' אויפן שלחן ערוך, און ער ענדיגט דארט ואליו תשמעון. איז א ראיה, אז מען קען שרייבן אויף א גדול 'ואליו תשמעון'.

*

עוד סיפר הגה"צ מפאיע, כשהיה **הרה"ק מסאטמאר זצ"ל** באבילות יום ראשון על בתו בערב שבת, החלטתי לא ללכת לבית מדרשו של הרה"ק להתפלל שמה בליל שבת, כי הנני רך לבב, ולא יכולתי לראות את פניו. אבל הרה"ק קרא לי שאבוא, והגעתי.

**והסביר רבינו:** דער סאטמאר'ער רב האט געהאט דריי טעכטער, די אלע דריי האבן נישט איבערגעלאזט קיין קינדער, און ער האט פארלוירן אלע דריי קינדער. צוויי האט ער פארלוירן אינדערהיים, און איין טאכטער האט ער פארלוירן דאהי. זי איז געווען די ווייב פונעם **סאסוב'ער רבי'ן, ר' ליפא'לע**, זיי האבן געוואוינט אין מאנהעטן. זי איז אוועק דאהי א ערב שבת. דער סאטמאר רב איז געווען ביי די לויה, און ער האט מספיד געווען.

כשבאתי, ראיתי שהטלית של חול היה מונח על השלחן בלי קיפול, שהתפלל שחרית בטלית בלי תפלין,

**ואמר רבינו:** די תפילין איז נישט געווען אויפן טיש, ווייל אזוי איז די הלכה (יו"ד שפח-א), אז דעם ערשטן טאג פון אבילות טוט מען נישט אן קיין תפילין. תפילין איז א פאר, א שיינקייט, און א אבל קען נישט אנטון אויף זיך קיין פאר. היינט זענען געווארן חסידים וואס מען קען נישט אויסלאזן א טאג אן תפילין, זיי זענען קלוגער פונעם שלחן ערוך, זיי לייגן תפילין אין טאג פון אבילות אויך נאך די לויה. אבער על פי הלכה איז עס נישט אויסגעהאלטן, און דער סאטמאר'ער רב האט נישט געלייגט קיין תפילין.

ואמר לי הרה"ק, אבי ז"ל היה פעם בצאנז כשהיה מעשה כזה, ואמר, לא אגיד שהרגשתי טעם שבת, אבל טעם יום טוב הרגשתי.

**והעיר רבינו:** איך ווייס נישט פונקטליך ווי אזוי מען שפירט א טעם פון שבת, אדער א טעם פון יום טוב, אבער זעהט אויס, אז די וואס שפירן, די וייסן וואס מען שפירט. עס איז א חילוק צו מען שפירט א טעם פון שבת, צו א טעם פון יום טוב. - עס האט מיר פארציילט א יוד, אז ער איז אמאל געפארן אויף ארץ ישראל, און נעבן אים איז געזעצן א סאטמאר'ער חסיד, און ווען מען איז אנגעקומען נאנט צו ארץ ישראל, מען האט שוין געזעהן ארץ ישראל, רופט זיך אן דער יונגערמאנטשיק: מען שפירט שוין אז די טומאה קומט ארויף פון דארט. נעבן אים איז געזעצן א ראש ישיבה, פרעגט ער אים, דו האסט היינט געלייגט תפלין? זאגט ער יא. האסט געשפירט עפעס א טעם פון קדושה ווען דו האסט געלייגט די תפלין? זאגט ער, פארוואס פרעגט איר. זאגט דער ראש ישיבה, ווייל איך וויל וויסן צו דו ביסט א שמעקער? אויב דו שמעקסט קדושה, קען איך דיר גלייבן אז דו שמעקסט טומאה אויך, אבער אז דו

שמעקסט נישט קיין קדושה, שמעקסטו קיין טומאה אויך נישט...

ואמר לי הרה"ק, קראתי לך שתבוא, כדי להגיד לך שתאמר קדיש ותלמוד משניות אחריה, כמו אחר אב ואם, רק לא תדחה אבלים. (היינו שאם יהיו אבלים בבית המדרש, ויהיה מקום רק לאחד לומר קדיש, לא יאמר הוא קדיש).

**והסביר רבינו:** אזוי איז דער סדר, אז ל"ע ווען עס גייט אוועק א קינד, זאגט מען נישט קיין קדיש אליין, נאר מען גיט עס איבער פאר א צווייטן זאל זאגן. ער האט נישט געוואלט אליין זאגן קדישים נאך איר, האט ער געדינגען דעם פאיער רב, ער האט אים באצאלט דערפאר, אז ער זאל זאגן די קדישים.

*

עוד סיפר **הגה"צ מפאיע, הרה"ק מסאטמאר זצ"ל** היה רגיל לעשות הטבת חלום, ובדרך כלל היה המשב"ק רבי יוסף אשכנזי, והבחור המשמש, ואני השלישי, שעשינו ההטבה, ולא היה אומר מה שחלם. כשני שבועות אחר נישואי, עשינו לו הטבת חלום. כשגמרנו, יצאו הנ"ל, וגם אני רציתי לצאת, רמז לי הרה"ק שאשאר בחדרו, ונשארתי. אמר לי הרה"ק, תן לי היד, שכל זמן שאני חי לא תספר מה שאספר לך. ואמר לי, הנך זוכר כשהיינו בסעודת יומא דהילולא של **הגה"צ מסערדאהעלי זצ"ל** (שאמר אז **הגה"צ מצעהלים זצ"ל** שאין צריכים לומר קדיש אחר נפטרים שנהרגו על קידוש ה').

והמשיך הרה"ק וסיפר, שחלם שראה את **הרה"ק רבי שלום אליעזר מראצפערט זי"ע** בחלום, ואמר לו רבי שלום אליעזר, שאינו מחליף מה שטוב לו בגן עדן עם עולם השפל, ורצה לילך. אמר לו הרה"ק שימתין, משום שרוצה לכתוב פתקא למסרו לאביו **הרה"ק מצאנז**. אמר לו הרה"ק רבי שלום אליעזר, דער טאטע, איך האב אים נאך נישט געזעהן, און איך ווייס נישט צו איך וועל אים אמאל זעהן. וסיים לי הרה"ק מסאטמאר, וואס האט אים דען געפעלט (להגיע לאביו), נאר א קדיש און א פרק משניות, דהרי לא השאיר בנים.

**והוסיף** רבינו: דער מקור צו זאגן קדיש נאך א נפטר, ווערט צוגעברענגט אין די ראשונים (**אור זרוע** ח"ב סוף סי' נ'), אז רבי עקיבא האט אמאל געזעהן איינעם וואס האט געארבעט אויסער מענטשליכע כוחות. ער האט דערקענט אז דאס איז נישט קיין בשר ודם. האט ער אים געפרעגט, וואס ביסטו? ביסט א מענטש, צו דו ביסט א ש-ד, אז דו קענסט אזוי שווער ארבעטן. האט ער אים געזאגט, איך בין נסתלק געווארן, איך לעב שוין נישט, און איך האב געטון עבירות, און דאס איז מיין עונש וואס איך דארף טון. האט אים רבי עקיבא געפרעגט, איז דא עפעס א זאך וואס איך קען דיר העלפן? האט ער אים געזאגט, אז איך האב געהערט מאחורי הפרגוד, אז טאמער מיין זון וועט זאגן נאך מיר קדיש, וועט מיר גרינגער ווערן. האט אים רבי עקיבא געפרעגט, פון וועלכע שטאט ביסטו? ווי אזוי הייסטו? ווי אזוי הייסט דיין ווייב? ווי אזוי הייסט דאס קינד? האט ער אים געזאגט די נעמען [דארט שטייט פונקטליך די נעמען ווי אזוי זיי האבן געהייסן].

**האט** זיך רבי עקיבא אויפגעהויבן, און ער איז אריבערגעפארן צו די שטאט ווי יענער האט געוואוינט, און ער האט זיך אנגעהויבן צו אינטערסירן אויף דעם זון. האט מען אים געזאגט, דער זון איז א שגץ, שם רשעים ירקב. האט ער געבעטן אז אפילו הכי זאל מען אים ברענגען דעם זון. מען האט געברענגט דעם זון פאר רבי עקיבא, און רבי עקיבא האט אים געזאגט, וואס זיין טאטע האט אים געזאגט, אז ער זאל זאגן קדיש וועט אים גרינגער ווערן. האט דער זון געפאלגט. ער איז געגאנגען אין בית המדרש, און ער האט געזאגט קדיש. האט רבי עקיבא געזאגט, נאכדעם איז דער נפטר מיר געקומען אין חלום, און ער האט מיר געזאגט, אז זייט דעמאלטס איז אים גרינגער געווארן זיין עונש. - מען רעדט פון א קדיש פון איינעם וואס איז געווען א שם רשעים ירקב, און פון דעסטוועגן דאך האט זיין קדיש געהאלפן פאר דעם נפטר. - דאס איז דער מקור אז מען דארף זאגן קדיש. זעהט מען די געוואלדיגע כח וואס דער קדיש האט[א].

[א] נעתיק בזה מה שאמר **רבינו שליט"א** בשיעור **אור החיים הק'** ליל שישי פרשת שלח תשע"ח לפ"ק: איך בין געזעסן די וואך שבעה ל"ע (אחר פטירת **כ"ק הגה"צ אב"ד תולדות אהרן וומסב"ג זצ"ל**), האב איך געלערנט די הלכות פון אבלות, דעם ענין פארוואס מען זאגט קדיש. דער מקור דערפון איז א גמרא (מסכת כלה רבתי פ"ב), און עס איז צוגעברענגט אין אור זרוע (ח"ב סוף סימן נ'), אז רבי עקיבא האט אמאל געזעהן א מענטש וואס איז געווען אינגאנצן שווארץ אזוי ווי א קויל, און ער האט געשלעפט שווערע פעקלעך וואס א מענטש קען נישט טראגען. און רבי עקיבא האט

געמיינט, אז ער איז א ארבייטער ביי איינעם, און דער בעל הבית פייניגט אים, האט ער אים געוואלט אויסלייזען פון דעם געפענגעניש, האט ער אים געפרעגט, וואס גייט פאר מיט דיר. האט ער אים געזאגט, איך האב נישט קיין צייט צו רעדן. האט אים רבי עקיבא מפציר געווען, האט ער אים געזאגט, אז איך לעב שוין נישט, און מען האט מיך מעניש געווען מיט גיהנם, און איך דארף יעדן טאג אויסהאקען האלץ, און מען מאכט א פייער, און מען פארברענט מיך, און וועגן דעם בין איך שווארץ. האט אים רבי עקיבא געפרעגט, האסטו געהערט צו דו האסט עפעס א תקנה מיט וואס מען קען דיר העלפן. זאגט ער, יא. איך האב געהערט אין הימל, אז טאמער א קינד זאגט ברכו אדער קדיש, איז עס מציל פון דינו של גיהנם. פרעגט אים רבי עקיבא, דו האסט איבערגעלאזט קינדער? זאגט ער אים, איך האב נישט איבערגעלאזט קיין קינדער ביים לעבן, אבער מיין ווייב איז געווען מעוברת, און מן הסתם איז געבוירן געווארן א קינד. האט אים רבי עקיבא געפרעגט, ווי אזוי ער הייסט, און פון וועלכע שטאט ער איז, און רבי עקיבא איז אהין געפארן אין יענע שטאט.

דער מענטש פלעגט איינקאסירן די שטייער אין שטאט, און פאר די עשירים האט ער נושא פנים געווען, און די עניים האט ער זייער געדריקט. ער האט זיך נישט אויפגעפירט ווי עס דארף צו זיין, אזוי ווייט, אז ווען רבי עקיבא איז געקומען, און ער האט זיך נאכגעפרעגט נאך אים, האט מען געזאגט, ב"ה אז ער לעבט שוין נישט. און ווען ער האט געפרעגט וועגן זיין ווייב, האט מען געזאגט, אז זי איז אויך נישט בעסער. האט ער געפרעגט, צו זי האט א קינד, האט מען געזאגט, יא, אבער מיר האבן נישט קיין שום שייכות מיט אים, מען האט אפילו נישט גע'מל'ט דאס קינד. איז רבי עקיבא געגאנגען, און ער האט גענומען דאס קינד, און ער האט אים גע'מל'ט, און ער האט אנגעהויבען צו לערנען מיט אים תורה, און דאס לערנען איז נישט געגאנגען. האט רבי עקיבא געפאסט פערציג טעג, אז דאס קינד זאל קענען פארשטיין לערנען. ביז דאס קינד האט אנגעהויבען צו פארשטיין, און ער האט אים געברענגט אין בית המדרש צו זאגן ברכו און קדיש. שפעטער איז די נשמה געקומען, און האט אים באדאנקט, אז זייט דעמאלטס איז ער פטור געווארן מדינה של גיהנם. דאס איז דער מקור פון זאגן קדיש.

עס שטייט אין שלחן ערוך, אז ווען איינער איז א מומר, ער האט זיך גע'שמד'ט, און דאס קינד איז ערליך, דארף דאס קינד נישט זאגן קיין קדיש נאך זיין טאטע דעם מומר, ווייל עס העלפט נישט די קדיש. די קדיש העלפט נאר, אויב ער איז געווען א ערליכער יוד, נאר ער האט גע'זינדיגט וכדומה, און ער איז נישט יצא מכלל ישראל, אבער טאמער ער איז יצא מכלל ישראל, איז א שאד צו זאגען קדיש, און ער איז נישט מחוייב צו זאגען קדיש אויף זיין טאטע אין אזא פאל.

עס שטייט אין **רמ"א** (יו"ד סימן שע"ו סעיף ד'), ואם נהרג על ידי עכו"ם, טאמער דער מומר איז גע'הרג'ט געווארן דורך א גוי, זאגט מען נאך אים קדיש. די מקור איז א **שו"ת בנימין זאב** (סימן ר"ג), ווייל אזוי ווי מען האט אים גע'הרג'ט, ער איז נישט געשטארבען כדרך כל האדם, נישט מיט א נארמאלע מיתה, איז מיתה מכפרת עליו, האט די מיתה מכפר געווען אויף אים, אז עס נוצט שוין יעצט תיקונים לעילוי נשמתו, איז ממילא אז מען האט אים גע'הרג'ט, קען מען זאגען נאך אים קדיש. - זעהט מען, אז אפילו א מומר, וואס מען האט אים גע'הרג'ט, אפילו נישט על קידוש ה', נאר סתם מען האט אים גע'הרג'ט, ווייבאלד ער איז נישט געשטארבען מיט א נארמאלע מיתה, האט די מיתה מכפר געווען, און מען קען אים שוין מעלה זיין.

האב איך אזוי געטראכט, עס איז געווען אזא גרויסע קריג, און עס זענען אוועק אזויפיל מיליאנען מענטשען, רובם זענען נישט געווען שומרי תורה ומצות, די השכלה מיט אלעם האט שוין אנגעמאכט גרויסע חורבנות. אבער זיי זענען דאך אלע גע'הרג'ט געווארן, אפילו אן קידוש ה', אבער מען איז גע'הרג'ט געווארן על ידי עכו"ם. און אז מען ווערט גע'הרג'ט נישט מיט א נארמאלע מיתה, איז מיתה מכפרת. עס איז געווען א געוואלדיגע עילוי פאר אזויפיל מיליאנען נשמות וואס זענען אוועק אין די קריג. דער עיקר איז דאך נישט צו לעבן אויף די וועלט, דער תכלית איז דאך צוצוקומען צו חיי עולם הבא. אונז קוק מיר אלעס מיט פליישיגע אויגן, און אז מען האט אוועקגענומען א מענטש פון די וועלט, האט ער געהאט א עונש. עס איז נישט געווען א עונש, עס איז געווען פאר זיי א געוואלדיגע תיקון, וואס דורך דעם זענען אזויפיל טויזנטער נשמות נתעלה געווארן.

איך האב געטראכט, אז ביי די חטא העגל, און ביי די מרגלים, האט דער אייבערשטער געזאגט, אכנו בדבר ואורישנו (במדבר יד-יב) איך גיי ברענגען א דבר, א נישט נארמאלע מיתה, און זיי גייען שטארבען. עס איז נישט א עונש וואס דער אייבערשטער האט זיי געוואלט שטראפען אוועקצונעמען דאס לעבן. נאר פאר אזעלכע גרויסע עבירות, זיי האבן גערעדט כלפי מעלה, דארף מען דאך האבן עפעס א תיקון. ווי אזוי קענען זיי האבען א תיקון, ביים לעבן וועלן זיי דאך שוין נישט מתקן זיין. אבער אויב עס וועט קומען אויף זיי א מיתה משונה, זיי וועלן אוועקגיין פון די וועלט נישט אויף א נארמאלע וועג, דאס וועט זיי מעלה זיין, און זיי וועלן צוקומען צו זייער תכלית. אכנו בדבר ואורישנו, איז נישט דער פשט, אז מען גיט יענעם קלעפ, און איך וועל אים הרג'ענען, נאר איך זוך א וועג ווי אזוי איך וועל זיי קענען מעלה זיין. האט דער אייבערשטער געזאגט, אכנו בדבר ואורישנו, און דורך דעם וועל איך זיי קענען מעלה זיין.

*

סיפר הרה"ג רבי **ישראל דוד נייוואנער** שליט"א, כשנתמנה **הרה"ק מסאטמאר זצ"ל** לאב"ד קראלי, אמרו אנשי העיר להרה"ק, הרבי מכהן באדמורו"ת, ומתפלל בשעה מאוחרת, ומתי יתפנה לנהל את עניני העיר. צריכים לפסוק בדין תורה, ולענות על שאלות. כששמע הרה"ק את טענתם, פנה לאבי הרה"ח רבי **מנשה** ע"ה שהיה גר באורשיווא (מקודם לכן כיהן הרה"ק מסאטמאר ברבנות באורשיווא), ואמר לו, נו, מנשה, זאג זיי, אז מען מאכט פון נאכט טאג, האט מען צייט צו אלעס, דו ביסט עדות. (היינו שזוכר מאורשיווא התנהגותו בלילות).

**ואמר רבינו:** דער ביאור דערפון איז א דאפעלטער. איינס, אז קודם קומט דאך צו א פאר שעה אינעם טאג. ווען מען מאכט די נאכט פאר טאג, איז דער טאג נישט צוועלף שעה, נאר דער טאג איז זעכצן שעה און אכצן שעה, קומט אויס צייט פאר עפעס אנדערש אויך. נאכדעם, אז מען מאכט די נאכט טאג, האט מען א ברכה אין די צייט. און ווען מען האט א ברכה אין די צייט, איז דא צייט פאר אלעמען. אזוי שטייט אין די גמרא (ברכות לב:), מתוך שחסידים היו איז געווען תורתן משתמרת, ומלאכתן מתברכת. סיי די פרנסה איז געגאנגען אנדערש, און דאס לערנען איז געגאנגען גרינגער. האט ער געזאגט, אז פון די נאכט מאכט מען טאג, האט מען צייט פאר אלעם.

**איך** האב געקענט דעם סאטמאר'ער רבי'ן זי"ע, ער איז דאך געווען אזוי פארנומען פון צופרי ביז ביינאכט, ער האט אויפגענומען מענטשן, און געדארפט אויפשטעלן יודישקייט, און אויפגעשטעלט מוסדות, אבער ער האט געהאט אזויפיל צייט. מען האט אים קיינמאל נישט געזעהן זיך יאגן, זיצן אומגעדולדיג, ווייל ער דארף גיין ערגעץ. וואו ער איז געזעצן, איז ער געזעצן מיטן גאנצן רואיגקייט, און גערעדט, און געשמועסט, און פארציילט. ער האט זיך קיינמאל נישט געיאגט אוועקצוגיין ערגעץ אנדערש, כאטש ער האט שטארק אויסגענוצט די צייט, האט ער געהאט א ברכה אין די צייט, אז וואו ער איז געווען, האט ער זיך נישט געדארפט יאגן. תורתן מתברכת, ומלאכתן נעשה על ידי אחרים, איז מען זוכה דורכדעם וואס מען לערנט תורה לשמה.

**עס** האט מיר פארציילט רבי משה ארי' גליק, ער איז געווען דער גבאי פונעם סאטמאר'ער בית המדרש. אז דער סאטמאר'ער רב פלעג דאך ארייניצוקומען שפעט צום דאווענען, מען האט אסאך מאל געדארפט לאנג ווארטן ביז ער איז אנגעקומען. אבער ווען ער פלעגט ארייניצוקומען אין בית המדרש, פלעגט ער זיך יאגן. ער איז אלץ געלאפן מיט זייער שנעלע טריט אין בית המדרש, ביז ער איז צוגעקומען צו זיין פלאץ. האט רבי משה ארי' געזאגט, אז אמאל האט איינער פון די חסידים צוגעגאנגען צום רבי'ן, און ער האט אים געזאגט, יעצט דארף זיך שוין דער רבי נישט יאגן, מיט א שעה צוריק וואלט זיך דער רבי געדארפט יאגן. ווען מען איז שוין אין בית המדרש איז שוין נישט קיין נפקא מינה, אז מען וועט קומען מיט א מינוט צוויי שפעטער, אינדערהיים וואלט מען זיך געדארפט יאגן. - אינדערהיים האט ער דאך געדארפט טון זיין עבודה, האט ער זיך נישט געקענט יאגן. דא ווען עס איז געקומען די לעצטע מינוט, האט ער זיך געיאגט.

**איך** האב געהאט א רבי'ן אין חדר, ער האט געהייסן רבי אהרן פאללאק ז"ל, ער איז געווען א סופר, ער איז געווען זייער א חשוב'ער יוד, און א חסידישער יוד. איך געדענק אלץ גירסא דינקותא, איך בין געווען א קליין יונגל, האט ער געזאגט בתוך הדברים, אז חסידישע יודען האבן זיך קיינמאל נישט געיאגט, זיי האבן געהאט צייט פאר אלעמען. האט ער געזאגט, ווייל א חסידישער יוד דינט דעם אייבערשטען מיט אלעם וואס מען קען. ער דינט דעם אייבערשטען בשעת ער עסט, און בשעת ער שלאפט, און בשעת ער רעדט צו א צווייטן, ביי אלעם איז ער מכוון לשם שמים. וואס האט ער זיך צו יאגן? ער האלט דאך אינמיטן עבודת ה', פארוואס זאל ער זיך אוועקרוקן פון וואס ער טוט. א פשוטער בעל הבית וואס דארף אריינגיין פון גשמיות אין רוחניות, דארף זיך יאגן. אבער איינער וואס טוט עבודת ה' דעם גאנצען טאג, דער דארף זיך נישט יאגן. - עס איז די בחינה. ווען א יוד דינט דעם אייבערשטן שטענדיג, האט ער צייט פאר אלעם. בשעת ער האט גערעדט מיט מענטשן, האט ער דעמאלטס געדינט דעם אייבערשטען. בשעת ער האט געגעסן, האט ער געדינט דעם אייבערשטען. איז געווען צייט אויף אלעם וואס מען איז אנגעקומען.

*

סיפר הרה"ח רבי **יוסף שווארץ** ע"ה, שפעם אחת בליל שב"ק אצל שלחנו הטהור של **הרה"ק מסאטמאר זצ"ל**, עוד בשנת כהונתו ברבנות באורשיווא. לאחר שקידש על היין, טרם נטל ידיו לסעודה, גילה את המפה והסתכל על החלות, ושוב כיסה אותם, ודיבר עם החסידים. כן הוה כמה פעמים, והיה לפליאה בעיניהם, איך עושה הפסק גדול כל כך שלא כדרכו. לבסוף הגיע שליח מאת הרבנית, ששכחה להפריש חלה.

**והעיר רבינו:** דאס אז ער האט געקענט באמערקן, איז נישט קיין גרויסער חידוש, קלענערע צדיקים האבן אויך באמערקט. לא יאונה לצדיק כל און (משלי יב-כא), א צדיק טוט דער אייבערשטער נישט צוברענגען, אז ער זאל נכשל ווערן. כל שכן במידי דאכילה, אין עסענווארג, איז דא א שמירה (עיין תוספות חולין ה:). און אז ער האט עס נישט געדארפט עסן, האט מען מן השמים אריינגעגעבן, צו מען באמערקט, צו מען באמערקט נישט, ער האט נישט געגעסן א זאך וואס איז אסור.

**אבער** איך וויל אויספירן די מעשה. וואס האט מען געטון נאכדעם ווען מען האט געזעהן אז מען האט נישט אראפגענומען קיין חלה? וואס איז די הלכה? שבת טאר מען נישט אראפנעמען קיין תרומה און מעשרות, און חלה טאר מען אויך נישט אראפנעמען. איז די הלכה אזוי. אין ארץ ישראל, וואו חלה איז א דאורייתא, אז מען האט נישט אראפגענומען קיין חלה דערפון, קען מען נישט עסן די חלות, ווייל שבת קען מען נישט תורם זיין. אין חוץ לארץ איז נאר א דרבנן צו נעמען חלה, איז די הלכה אז מען קען עסן קודם די חלה אנדעם וואס מען האט אראפגענומען חלה, אבער מען מוז איבערלאזן א שטיקל, אז מען זאל קענען שפעטער נעמען חלה דערפון. געווענליך טאר מען נישט עסן דערפון ביז מען נעמט אראפ חלה, ווייל עס איז טבל, אבער אין חוץ לארץ, מעג מען עסן פון פריער, און איבערלאזן אויף שפעטער.

**און** דאס איז דער טעם, וואס עס שטייט אין די משנה (שבת לד.) אז ערב שבת דארף מען זאגן דריי זאכן, עשרתם, ערבתם, הדליקו את הנר. עשרתם ערבתם איז א לשון שאלה, עשרתם? מען האט אראפגענומען מעשר. ערבתם? מען האט געמאכט אן עירוב. די דריטע איז נישט קיין שאלה, נאר א ציווי, הדליקו את הנר, עס איז צייט אז מען זאל צינדן ליכט.

**פארוואס** פרעגט מען נישט היינט עשרתם? ווייל ביי אונז איז נישט דא קיין תרומות ומעשרות, דארף מען נישט פרעגן צו מען האט גענומען מעשר. אבער עס איז דאך דא ביי אונז חלה, וואס מען איז מחויב אראפצונעמען. עס איז אויך עשרתם. פארוואס פרעגט מען נישט ערב שבת אין שטוב, צו מען האט אראפגענומען חלה? איז אין חוץ לארץ איז דער תירוץ דערויף, ווייל אפילו מען האט נישט אראפגענומען חלה, קען מען אויך עסן דערפון. אויב מען וועט געוואר ווערן שבת אז מען האט נישט אראפגענומען קיין חלה, וועט מען עסן דערפון, און שפעטער וועט מען אראפנעמען חלה, דארף מען נישט זאגן עשרתם.

**בדרך** אגב. עס שטייט אין **דרושי הצל"ח** (סימן ל"ז אות ט"ז), פונעם **נודע ביהודה**, אז עס איז דא איין מאל אין יאר וואס אין חוץ לארץ דארף מען אויך פרעגן עשרתם, צו מען האט אראפגענומען חלה. ווען? ווען ערב פסח געפאלט שבת. ערב פסח צופרי די ערשטע דריי שעה מעג מען עסן חמץ, און נאכדעם דארף מען מבער זיין דעם חמץ. יענעם ערב שבת איז מען מחויב צו פרעגן עשרתם. פארוואס? ווייל דעמאלטס איז נישט שייך אז מען וועט עס אויפעסן, און מען וועט זיך פארלאזן אז מען וועט שפעטער אראפנעמען חלה, ווייל מען קען דאך נישט אראפנעמען קיין חלה אין שבת, און איבערלאזן אויף נאך שבת קען מען דאך אויך נישט, ווייל עס איז חמץ. קומט אויס, אז אויב מען האט נישט אראפגענומען קיין חלה, וועט מען נישט קענען עסן פון די חלה.

**אבער** על כל פנים, א גאנץ יאר קען מען עסן פון די חלה. איז דאך נישט געפערליך אז מען האט נישט אראפגענומען קיין חלה פון די חלות, ווייל אפילו נאכדעם וואס מען האט געזאגט, אז מען האט נישט אראפגענומען קיין חלה, האט מען ווייטער געקענט געסן די חלה. עס איז נישט געווען א איסור וואס מען האט נישט געקענט עסן. אבער מען האט דאך געדארפט איבערלאזן א שטיקל דערפון אויף שפעטער. דאס אליין אז מען זאל וויסן אז מען האט נישט אראפגענומען דערפון חלה, און מען דארף איבערלאזן א חלק דערפון אויף שפעטער, דאס איז געווען די הערה וואס מען האט צוגעברענגט, אז מען זאל געדענקן אז מען דארף שפעטער אראפנעמען דערפון די חלה.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל**